איז געשעען. דעריבער ווער עס וועט צעשטערן 19
איינע פון די דאָזיקע קלענסטע מצוות, און וועט
אָט אַזוי לערנען די מענטשן, דער וועט הייסן
קלענסטער אין דעם מלכות השמים; ווער אָבער
עס וועט זיי טאָן און לערנען, דער וועט הייסן
גרויס אינעם מלכות השמים. וואָרום איך זאָג 20
אייך, אַז אויב אייער צדקות וועט נישט איבער־
שטייגן די צדקות פון די סופרים און די פרושים,
וועט איר בשום אופן נישט אַרייַנגיין אינעם מלכות
השמים.
איר האָט געהערט, אַז עס איז געזאָגט געוואָרן 21
צו די קדמונים: דו זאָלסט נישט טייטן; ווער אָבער
עס טייט, איז חייב צום משפט. איך אָבער זאָג 22
אייך, אַז יעדער איינער, וואָס איז צאָרנדיק אויף
זיין ברודער, וועט זיין חייב צום משפט; און ווער
עס וועט זאָגן רקא צו זיין ברודער, וועט זיין חייב
צום סנהדרין; און ווער עס וועט זאָגן, דו נאַר,
וועט זיין חייב צום פייער פון גיהנום. דעריבער 23
ווען דו ברענגסט דיין קרבן צו דעם מזבח, און
דאָרטן דערמאָנסטו דיך, אַז דיין ברודער האָט
עפּעס קעגן דיר, זאָלסטו דאָרטן איבערלאָזן דיין 24
קרבן פאַר דעם מזבח, און גיי קודם כל אַהין, רעד
זיך דורך מיט דיין ברודער, און דאַן קום און זיי
מקריב דיין קרבן. ווער מושווה מיט דיין קעגנער 25
געשווינד, בשעת דו ביסט נאָך מיט אים אויפן
וועג; טאָמער וועט דיין קעגנער דיך איבערגעבן
צום שופט, און דער שופט צום שוטר, און דו וועסט
געוואָרפן ווערן אין תפיסה אַרייַן. באמת זאָג איך 26
דיר, דו וועסט פון דאָרטן בשום אופן נישט אַרויס־
קומען, ביז דו באַצאָלסט נישט די לעצטע פּרוטה!
איר האָט געהערט, אַז עס איז געזאָגט געוואָרן: 27